אויף תיכף ארויסצוגעבן: 9/29/2024 גאווערנער קעטי האקול

**גאווערנער האקול שיקט נאציאנאלע גאורד סאלדאטן, העליקאפטערס און גענעראטערס צו העלפן מיט האריקעין העלען ערהוילונג**

***ניו יארק ארמיי נאציאנאלע גאורד שיקט ארויס 17 סאלדאטן און דריי CH-47F טשינאק שווערע אויפהייב העליקאפטערס צו דרום קאראליינע צו העלפן צפון קאראליינע נאציאנאלע גאורד***

***איינהייט פון היימלאנד סעקיוריטי און עמערדזשענסי סערוויסעס, אפטיילונג פון טראנספארטאציע און טראוועי אויטאריטעט ארבעטן צוזאמען צוצושטעלן גענעראטערס פאר דזשארדזשיע***

***די געצייג קומט נאך די ארויסשיקונג פון שנעלע וואסער רעטונג טעים אויף מיטוואך***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט געמאלדן אז 17 סאלדאטן פון די ארמיי נאציאנאלע גאורד, דריי שווערע אויפהייב העליקאפטערס און פיר 100 KW גענעראטערס זענען געווארן געשיקט צו ארויסהעלפן ערהוילונג באמיאונגען נאכפאלגענדיג האריקעין העלען. די שטורעם האט פאראורזאכט ווייטפארשפרייטע שאדן און האט איבערגעלאזט מיליאנען אהן עלעקטריציטעט אין פיל טיילן אין דרום אריינגערעכנט פלארידע, דזשארדזשיע און דרום קאראליינע. די 17 סאלדאטן און דריי CH-47F טשינאק שווערע אויפהייב העליקאפטערס וועלן צושטעלן אלגעמיינע עירליפט הילף צו ארומפירן מענטשן און ליפערונגען צו העלפן די צפון קאראליינע נאציאנאלע גאורד. די גענעראטערס, וועלכע זענען טייל פון ניו יארק סטעיט'ס רעזערוון, ווערן טראנספארטירט צו מעקאן, דזשארדזשיע אויף טראקס צוגעשטעלט דורך די אפטיילונג פון טראנספארטאציע (Department of Transportation) און טראוועי אויטאריטעט (Thruway Authority) און זענען ערווארטעט צו אנקומען אין דזשארדזשיע אויף מאנטאג.

"ניו יארק שטייט נאנט מיט אונזער שכנים אין דרום אזוי ווי מיר רעאגירן צו די שרעקליכע ווירקונגען פון האריקעין העלען," **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "איך בין שטאלץ פון אונזער איבערגעגעבענער סאלדאטן וואס וועלן צושטעלן וויכטיגע הילפסמיטלען, אריינגערעכנט העליקאפטערס און גענעראטערס, צו בעלפן אין ערהוילונג באמיאונגען. אין צייט פון קריזיס, קומען מיר זיך צוזאם ווי איין קאמיוניטי, ארויסווייזענדיג די ספיריט פון מיטגעפיל און שטאנדהאפטיגקייט. מיר זענען דא צו העלפן אלע וואס זענען אפעקטירט, פארזיכערענדיג אז קיינער איז נישט איוסגעשטעלט צו די שוועריקייט אליין."

די סאלדאטן און העליקאפטער זענען באזירט ביי די ארמיי אוויאציע הילף פאסיליטי ( Army Aviation Support Facility) #2 אין ראטשעסטער. די העליקאפטערס זענען באשטימט פאר איינהייט 1, B א טייל פון די דריטע באטאליאן 126סטע אלגעמיינע הילף אוויאמיע באטאליאן ( General Support Aviation Battalion). זיי זענען ערווארטעט צו זיין אויפן ארט צווישן זיבן ביז צען טעג.

אום אקטאבער 2018, האט די זעלבע איינהייט ארויסגעשיקט צוויי CH-47'ס און 11 מאנשאפט צו פלארידע נאכפאלגענדיג האריקעין מייקל.

די געציג זענען ארויסעשיקט געווארן אלץ טייל פון די עמערדזשענסי מענעדזשמענט הילפס קאמפאקט (Emergency Management Assistance Compact, EMAC), די לאנד'ס אלע-געפארן נאציאנאלע אייניגע הילף סיסטעם. EMAC איז געווארן באשטעטיגט דורך די U.S. קאנגרעס (PL 104-321) און איז א געזעץ אין אלע 50 סטעיטס, דער דיסטקריקט אוו קאלאמביע, פאורטא ריקא, גואם, די יו.עס ווירדזשין אינזלען, און די צפון מאריאנא אינזלען. EMAC'ס מיטגלידער קענען מיטטיילן הילפסמיטלען פון אלע דיסציפלינען, אפהיטן מאנשאפט וואס שיקן ארויס און ווערן צוריקגעצאלט פאר מיסיע-פארבינדעטע קאסטן.

אויף מיטוואך, האט די גאווערנער ארויסגעשיקט א טיעם פון 16 שנעלע וואסער רעטונג מאנשאפט, צוויי קעניינ'ס און עמערדזשענסי ריספאנס געציג צו צפון קאראליינע. די טיעם איז יעצט באשטימט צו העלפן די יענסי קאונטי עמערדזשענסי מענעדזשמענט אפיס.

**הויכע גענעראל רעי שילדס האט געזאגט**, "לויט די אנווייזונג פון גאווערנער האקול, האבן די מענער און פרויען פון די 42סטע ערד איינהייט'ס אוויאציע קעמפער בריגאדע שנעל ריאגירט, אין וויניגער פון 24 שעה, ווען די צפון קאראליינע נאציאנאלע גאורד האט געבעטן פאר הילף פאר שטורעם פארלייכטערונג. אונזער סאלדאטן האבן ריאגירט דורך שיקן דריי CH-47 שווערע אויפהייב העליקאפטערס און זייער מאנשאפטן און אויפהאלטונג טיעם. מיר זענען אייביג גרייט איבעראל, זאל עס זיי אין א קאמפ זאנע, דא אינדערהיים אין ניו יארק, אדער אין א אנדערע סטיעט. איך בין זייער שטאלץ פון אונזער סערוויס מיטגלידער וואס פארפעלן קיינמאל נישט צו ריאגירן ווען זיי ווערן געריפן."

**איינהייט פון היימלאנד סעקיוריטי און עמערדזשענסי סערוויסעס קאמישאנער זשעקי ברעי האט געזאגט**, "גאווערנער האקול פארשטייט די ריזיגע צאל פון הילפסמיטלען מען דארף כדי צו ערהוילן פון אזא גרויסע קאטאסטראפע. מיטטיילן אונזער געציג און מאנשאפט צו העלפן צוריקשטעלן עלעקטריציטעט, צושטעלן ערפארונג און נויטיגע הילף וועט ארויסהעלפן אפעקטירטע קאמיוניטיס זיך ערהוילן פון די שרעקליכע שטורעם."

**סטעיט דעפארטמענט פון טראנספארטאציע קאמישאנער מערי טעריז דאמינגעז האט געזאגט**, "צוויי יאר צוריק, א צאל פון סטעיטס זענען געקומען העלפן ניו יארק נאך א היסטארישע שניי-שטורעם אין באפעלאו, און היינט טוט גאווערנער האקול צוריקצאלן די גוטהארציגקייט צו די בירגער פון די סטעיט פון דזשארדזשיע. האריקעין העלען האט באטראפן די פיטש סטעיט (דזשארדזשיע) מיט א שרעקליכע שטארקייט, אפעקטירנדיג יעדער ווינקל און איבערלאזנדיג הונדערטער טויזנטער בירגער פון דזשארדזשיע אהן עלעקטריציטעט. אונזער ניו יארק סטעיט דעפארטמענט פון טראנספארטאציע (DOT) מאנשאפטן וועלן דעליווערן גענעראטערס צו די וואס דארפן און מיר שטייען גרייט צו העלפן סטעיטס דורכאויס דרום ארויסקריכן פון דער קאטאסטראפישע וועטער מצב."

**טראוועי אויטאריטעט עקזעקיוטיוו דירעקטאר פרענק ג. האער האט געזאגט**, "די שאדן אין די דרום מזרח איז אומפארשטעלנדליך און די טראוועי אויטאריטעט איז צוגעגרייט צו ריאגירן צוזאמען מיט אונזער שותפים אין ניו יארק סטעיט צו העלפן וויאזוי מיר קענען נאר. די גענעראטערס וואס אונזער מאנשאפט וועלן דעליווערן וועט העלפן אונזער שכנים אין דרום אנהייבן די וועג צו ערהוילונג און ברענגן עטוואס א געפיל נארמרלקייט."

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418
שרייבט זיך איין צו באקומען די לעצטע נייעס פון די גאווערנער'ס אפיס: ny.gov/signup | טעקסט די ווערטער NEW YORK צו 81336

זיך ארויסשרייבן